# משיחת י״ג תמוז תשכ״ט

אין דאס ברייננגט אראפ אלע ענינים וואס תורה ומצות זיינען ממשיך, אנהייבנדיק פון דעם ונחתי גשמיכם בעתם, ביז ואולך אתכם קוממיות בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

ח. צוה לנגן ואמר את המאמר ד"ה תפלה למשה וגו'.

ט. בא דעם געלעגנהייט פון די גאולה פון דעם בעל השמחה והגאולה, און אויך דער יום הולדת שלו, איז דאך דער זמן המתאים אויך צו דערמאנען וועגן זיין תקנה, וואס אייגנטליך, ווי ער אליין זאגט, איז דאס נאך א תקנה פון כמה זמן לפני זה, נאר ער האט דאס מגלה געווען און מפרסם געווען און געהייסן און געבעטן אז מען זאל דאס מקיים זיין.

דאס איז דער ענין פון חת"ת: לערנען בכל יום ויום דעם שיעור פון חומש ווי ער איז פאנאנדערגעטיילט לשבעת ימי השבוע, - ביום ראשון פון התחלת הסדרה ביז שני מיט פירוש רש"י, וביום שני פון שני ביז שלישי, ועד"ז בכל יום ויום ועניננו, ביז צו מסיים זיין די סדרה ביום הש"ק, וואס דאס איז זעלבסטפארשטענדליך בהוספה על שאר השיעורים שיש לכל אחד ואחד.

אזוי אויך דער שעור תהלים חדשי לאחרי התפלה, וכמסופר אז אפילו די וואס זאגן תהלים קודם התפלה, איז דאס א באזונדער ענין, און דאס רעדט זיך במיוחד וועגן תהלים לאחר התפלה, און ווי ער איז פאנאנדערגעטיילט אויף ימי החודש, וכידוע וואס מען האט אים געפרעגט, אויף דעם וואס איז ידוע, ווי דער אלטער רבי שרייבט אין אגרת הקודש, אז בשעה שאמרתי פדה בשלום נפשי איז געווען די גאולה, ולכאורה איז דאס גאר דער שעור פון יום שלישי בשבוע, (וואס יעמולט איז י"ט כסלו געווען ביום ג') נים ווי דער שעור אין חדש וואס דאס איז תפלה למשה, וכמדובר לעיל (בהמאמר) האט דאר דער רבי דער בעל השמחה אויף דעריף געענטפערט, אז דער סדר הרגיל איז געווען אז בכל יום זאל מען זאגן דעם שעור תהלים חדשי, דערנאך אז מען פלעגט זאגן תהלים בשופי, האט מען אויך מוסיף געווען און געזאגט דעם שעור אין תהלים ווי עס איז פאנאנ-דערגעטיילט לימי השבוע, וואס דערפאר איז אויסגעקומען בי"ט כסלו אויך דער שעור פון דעם פסוק פדה בשלום נפשי, (ווי דער בריוו איז שוין אפגעדרוקט).

עד"ז אויך דער דריטער שעור, וואס דאס איז דער שעור פון תניא, ווי דער בעל השמחה והגאולה האט אליין פאנאנדערגעטיילט אויף ימות השנה, - אויף א שנה פשוטה און א שנה מעוברת -, אז במשך השנה זאל מען מסיים זיין פעם אחת כל ספר התניא על כל חלקיו, (וכמדובר לעיל, איז דאס בהוספה על כל שאר השעורים אין נגלה און חסידות לכל אחד ואחד לפום שיעורי' דילי').

כאן אויך המקום אויף אראפברענגען א ענין וואס עס איז פארבונדן מיטן שעור חומש פון י"ב תמוז און י"ג תמוז לפי קביעות שנה זו, וואס י"ב תמוז איז די לעצטע פרשה פון פר' בלק, און י"ב תמוז די ערשטע פרשה פון פר' פנחס.

וואס דער ענין המשותף וואס איז דא אין בידע, איז דאס דער ענין פון פנחס'ן, וואס ער איז געווען בקנאו את קנאתי, וואס פארוואס האט דאס פנחס געטאן, - איז ווי ער דערציילט אין סיום

הנחת הת' בלתי מוגה

סיום הסדרה שלפני זה (בפד' בלק). אז נתעלמה הלכה, וואס דאס גופא איז געקומען דורך דערויף וואס עס איז געקומען זמרי בן סלוא, און האט געזאגט מדינית זו אסורה או מותרת, און אויב זי איז אסורה, בת יתרו מי התירה לך, ווי די גמרא זאגט דאס אין סנהדרין, און רש"י ברייגנגט דאס אראפ אויך בפירושו על התורה.

וואס דא זעט מען ווי אזוי אין רש"י איז פארבונדן מיט פי' רש"י בכמה מקומות, און עס איז אויך פארבונדן מיט כמה ענינים פון הלכה, ווי דאס איז אין גמרא און אין פוסקים ביז אין אחרונים, כפי שיתבאר לקמן.

און דער ענין האט א שייכות, צו התחלת פר' פנחס, וואס דערפאר האט מען איט געגעבן בריתי שלום, ווייל ס'איז געווען בקנאו את קנאתי. וואס דאס איז געקומען צו פנחס'ן דורך דערויף וואס ס'איז געווען די קשיא: מדינית זו מה דינה אסורה צי מותרת; און דערנאך נתעלמה הלכה, און דערנאך האט משה רבינו געזאגט צו פנחס'ן קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא.

ווערט דאך גלייך די שאלה; דאס איז דאך געווען א שאלה וואס ער האט געבראכט לפני כל ישראל, און די הלכה שנתעלמה איז געווען די הלכה פון: הבועל ארמית קנאים פוגעים בו - ווי רש"י ברייגנגט אראפ, און אזוי איז אויך משמע אין גמרא. אבער עס איז ניט נתעלם געווארן דער תירוץ אויף די שאלה בת יתרו מי התירה לך;

איז לכאורה אינגאנצן ניט פארשטאנדיק; לכאו' איז דאס אינגאנצן ניט קיין קשיא. ווארום דאס וואס משה האט גענומען בת יתרו איז דאך געווען לפני מ"ת, (ווי רש"י (סנה' פב,א ד"ה בת) ברייגנגט טאקע, אז די קשיא איז קיין קשיא ניט, דערפאר וואס משה נשא צפורה לפני מתן תורה). ביז אז דערפאר זיינען דא אזוינע מפרשים וואס ווילן איינטייטשן אז די הלכה שנתעלמה איז דאס דער חילוק צווישן פאר מ"ת ביז נאך מ"ת; אבער לכאורה איז דאס דאך ניט א ענין פון הלכה למשה מסיני, נאר ס'איז א סברא פשוטה אין לימוד התורה, אז פאר מתן תורה און נאך מ"ת איז געווען א חילוק עיקרי, - און אלע אידן האבן געוואוסט, אז די תורה איז ניתנה געווארן דעמאלט, - ובפרט איז ניט שייך אז דער . . . מה הלכה איז געווען אין דעם ענין.

די קשיא ווערט נאך א גרעסערע: ווי קומט דאס אז זמרי בן סלוא, - וואס ער איז געווען נשיא בית אב לשמעוני -, [ווארום אין פשטות הכתובים האט מען ניט געמאכט קיין עם הארץ פאר א נשיא פון א שבט,] זאל פרעגן אזא קשיא. ער האט זיך זיכער ניט פארלאזט אז ס'וועט זיין נתעלמה ההלכה בנוגע דעם חילוק פון פאר מ"ת ביז נאך מתן תורה; איז דאך א סימן אז זיין קשיא האט געהאט עפעס אן אחיזה; ווארום וויבאלד ער איז געווען א נשיא בית אב, (וואס מען האט אים אויסגעקליבן אלס א נשיא דערפאר וואס ער איז געווען ווי א נשיא דארף זיין, [קודם הכא זה]); ובמילא אז ער האט געפרעגט די קשיא, האט דאך די קשיא געהאט אן ארט אין תורה, אז אויב מען זאל זאגן אז זי איז אסורה, איז אט דעמאלט בת יתרו מי התירה לך?

אויך דארף מען פארשטיין: וואס דערנאך געפינט מען גארניט אז מען האט אים אויף די קשיא געענטפערט. ולכאורה וויבאלד אז עס איז

הנחה הת' בלהי מוגה

איז דא דער חילוק פשוט פון לפני מ"ת, ולאחר מ"ת, איז פארוואס האט מען אים דערנאך ניט געענטפערט דעם תירוץ; לכל הפחות (זאל שטיין א ״שפער) לאחר המעשה; פארוואס פארלאזט מען זיך אויף דערויף וואס רש"י ברענגט דאס אראפ בפירושו לסנהדרין? - די גמ' ברענגט די קשיא אז ער האט דאס געפרעגט, און ברענגט אויך דעם ענין פון די הלכה פון בועל ארמית קנאים פוגעין בו, די גמרא ברענגט אבער ניט מיט וואס איז פארענטפערט אט די קשיא -.

מען קען ניט זאגן אז דאס איז מצד רוב פשטות הענין, ווי געדעדט פריער, ווארום אויב דער ענין איז אויף אזוי פיל פשוט, איז ווי קען זיין אז נשיא ביה אב לשמעוני, זאל פרעגן אזא קשיא; וואס אפילו א בר בי רב דחד יומא ווייס אז עס איז דא א חילוק לפני מ"ת און לאחר מ"ת.

נאר דער ענין בזה *) איז: אז די קשיא איז פארקערט, און ס'איז א שטארקע קשיא וואס מען דארף זיך מאטערן אויף איר צו פארענטפערן. די קשיא איז: אויב מדינית זו אסורה, ווייל עס איז אסור היתון מיט עכו"ם, קומט אויס אז דאס וואס משה האט געמעגט נעמען צפורה איז ווייל זי איז געווען א גיורת, אבער משה איז דאך געווען א כהן, און א כהן איז אסור בגיורת, ובמילא אפילו אז מען זאל זאגן (ווי רש"י זאגט), אז פריער האט מען געהאט א דין פון בני נח, און דורך מ"ת איז נתגיירו, וגם היא נתגיירה, איז דער תירוץ גוט בנוגע כל ישראל, אבער ניט לגבי משה וואס איז געווען א כהן, און א כהן איז אסור בגיורת;

עס איז טאקע דא א דעה אין פוסקים, אז דער איסור כהן בגיורת איז דאס א ענין דרבנן. דער רמב"ם פסק'נט אבער (הל' איסו"ב פי"ח ה"ג), וכן משמע מפירש"י ביבמות (ס,ב), אז דער איסור גיורת לכהנים איז א איסור מן התורה.

מ'קען אויך ניט פרעגן אז דאס איז לכאו' א איסור שנתחדש בימי יחזקאל, ווי די גמרא אין קדושין (ע״ח א) לערנט דאס אפ פון א פסוק אין יחזקאל (מד,כב), (בקושיית הראב"ד שם) - ווארום ס'איז דאך א כלל אז אין הנביא רשאי לחדש דבר, ובמילא דאס וואס יחזקאל האט געזאגט איז דער פי' אז ער האט בלויז מגלה געווען דאס וואס ס'איז געווען אסור לפני זה, ובפרט לויט דעם אפטייטש אין רמב"ם, אז דער איסור איז מצד דערויף וואס עס שטייט זונה וחללה לא יקחו, מפני "שבאה מארמים שטטופים בזמה", איז דער פי' אז דער פסוק אין יחזקאל גיט נאר צו פארטייטשן וואס איז דער אפטייטש פון זונה, אז דאס איז אויך א גיורת, (ראה מגיד משנה שם).

מען קען אויך ניט פארענטפערן, אז דער איסור איז, דוקא אויב זי איז עלטער פון ג' שנים ויום אחד, און אויך דוקא אויב נבעלה, כדעת רש"י - ווייל רש"י איז בלויז א פרשן און ניט קיין פוסק, אבער דער רמב"ם איז דאך א פוסק, פסק'נט ער אז דער איסור גיורת לכהן איז מן התורה, און דאס איז אפילו בא א פחותה מג' שנים ויום אחד, און אפילו אז לא נבעלה.

במילא בלייבט דאך די קשיא אז אויב מדינית זו אסורה, איז בת יתרו מי התירה לך - וויבאלד דו ביסט א כהן,

מען

---

*) המשך הביאור - ראה שיחת ש"פ מטו"מ.

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

מען וואלט געקענט פארענטפערן; אז עס איז דאך פאראן א פלוגתא אין גמ' זבחים (קב,א), צי משה איז געווען א כהן, און זרעו זיינען געווארן לוים, אדער משה אליין איז אויך געווען א לוי (חסר קצת) ובנ"א לויט די דעה אז ער איז געווען א לוי, איז די גאנצע קשיא ניטא.

באמת אבער זאגט דאך דארטן די גמ' אז אפילו לויט די דעה אז ער איז געווען א לוי, איז אבער בשבעת ימי המילואים האט ער משמש געווען, אין די עבודות וואס זיינען אסורים בלוים נאר דוקא בכהנים, איז דאך עכ"פ בשבעת ימי המילואים האט ער געטאן א ענין פון עבודת כהנים, וואס דאס איז דאך שוין געווען לאחר מ"ת, און עס איז געווען לאחרי נישואי צפורה, בלייבט דאך די קשיא, אט די זיבן טעג בת יתרו מי התירה לך,

דאס וואלט מען אויך געקענט פארענטפערן, לויט דעם וואס תוס' (ע"ז לד,א ד"ה במה) זאגט אויף דעם וואס די גמ' זאגט במה שימש משה כל שבעה ימי המילואים, - וואס פארא לבושים האט ער דעמאלט געהאט. ווארום ס'איז א סברא אז בגדי לכבוד ולתפארת איז שייכות בלויז צו אהרן ובניו (פרש"י שם ד"ה משה), - ווערט דאך די שאלה במה שימש בשבעת ימי המילואים, אין די גמרא ענטפערט בחלוק לבן.

פרעגט אויף דערויף תוס', פארוואס פרעגט מען בלויז אויף שבעת ימי המילואים, און מ'פרעגט ניט אויף די אלע ארבעים שנה, און פארענטפערט, אז בשבעה ימי המילואים האט דער משכן געהאט א דין פון א במה, און ביי א במה איז דער כלל אז אין בגדי כהונה בבמה, האט ער דערפאר געארבעט בחלוק לבן, ניט אין בגדי כהונה,

לפי"ז, אז דער משכן האט דאן געהאט א דין פון א במה, קאן מען זאגן אז משה איז ניט געווען קיין כהן, ע"ד ווי שמואל וואס איז געווען א לוי, און ער האט מקריב געווען בבמה, וכמו"כ האט משה רבינו עובד געווען עבודתו בשבעת ימי המילואים, און אעפ"כ וויבאלד אז דער משכן איז דעמאלט געווען ווי א במה, איז ניט קיין הכרח צו זאגן אז ער האט געהאט א דין פון א כהן.

עס בלייבט אבער נאך אלץ די קשיא, למ"ד אז ארבעים שנה שימש משה בכהונה גדולה, וואס דעמאלט האט דאך דער משכן זיכער ניט געהאט קיין דין פון במה, מוז מען זאגן אז ער האט געהאט א דין פון א כהן; בלייבט דאך די קשיא, אויב מדינית זו אסורה איז בת יתרו מי התירה לך.

אויף דעם וואלט מען אויך געקענט פארענטפערן: בהקדם וואס די גמרא (זבחים קב,א) פרעגט, אז אויב משה איז געווען א כהן ארבעים שנה, פארוואס געפינט מען ביי די פרשה מיט מרים, אז ס'שטייט מי הסגירה א"ת משה הסגירה משה זר הוא ואין זר רואה את הנגעים וא"ת אהרן הסגירה אהרן קרוב הוא וכו' (וואס דערפאר האט אהרן געזאגט אל נא תהי כמת, ווייל משה קען איר ניט מתיר זיין, און אהרן קען איר אויך ניט מתיר זיין. בשלא איז מי יתירה), וואס דערפאר האט ער גע'פועל'ט אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז ער וועט איר מתיר זיין, פרעגט די גמרא די קשיא פארוואס זאגט מען אז משה זר הוא, משה איז דאך א כהן.

פארענטפערט די גמ', אז אמת טאקע, משה איז געווען א כהן

הנחת הה' בלתי מוגה

כהן, אבער בא נגעים איז דער תנאי אז עס דארף זיין ניט א כהן סתם, נאר אהרן ובניו כהובין בפרשה.

עפי"ז וואלט מען אויך געקענט אפשר פארענטפערן בדוחק אז וויבאלד אין פר' אמור (כא,ז) וואו עס שטייט אשה זונה וחללה לא יקחו, הויבט זיך אן מיט אמור אל הכהנים בני אהרן, במילא איז אויך דער איסור פארבונדן בלויז מיט אהרן ובניו, און ניט מיט כהנים סתם.

דאס איז אבער ניט אויסגעהאלטן, ווארום דאס וואס די גמרא איז מדייק ביי נגעים אהרן ובניו כתובין בפרשה, איז דאס מצד דעם דיוק וואס בא נגעים שטייט והובא אל אהרן הכהן או אל אחד מבניו הכהנים, שטייט ניט והובא אל הכהן און דערנאך אהרן, נאר עס שטייט פריער אהרן און פריער בניו, איידער עס שטייט כהן און כהנים, אבער דארט וואו אהרן ווערט דערמאנט לבסוף ווי ביי אמור אל הכהנים און דערנאך ווערט דערמאנט אהרן, איז דאס ווי ביי אלע דיני כהונה, און דא קען מען ניט מחלק זיין בין משה לשאר הכהנים,

עפי"ז בלייבט דאך לכאורה די קשיא פון זמרי בן סלוא, אז א"ה מדינית זו אסורה בת יתרו מי התירה לך; משה איז דאך געווען א כהן, לדעת מ"ד אז ארבעים שנה, איז ער דאך געווען די גאנצע ארבעים שנה, אפילו אז מען זאל זאגן אז בלויז אין די ימי המילואים איז ער געווען א כהן, דארף מען דאך אנקומען צו דעם גרויסן דוחק, אז דער משכן האט דעמאלט געהאט א דין פון א במה, במילא האט ער א דין פון א לוי וכו' וכו', ובפרט ווי עס איז משמע די הכרעה פון די גמ' דארטן, אז משה האט יע געהאט א דין פון א כהן.

קומט דאך אויס, אז די קשיא איז א קשיא קיימת, לדעת הרמב"ם, ולדעת הפוסקים, אז דאס איז א איסור מן התורה, און מען קען ניט זאגן אז דער איסור פון זונה וחללה לא יקחו איז נתחדש געווארן שפעטער ווען עס איז געזאגט געווארן אמור אל הכהנים, וואס דאס איז געווען א סך זמן נאך די שבעת ימי המילואים, ווארום: א) דאס איז אבער געווען קודם ארבעים שנה שמשמש משה בכהונה, בלייבט די קשיא לדעת האומר אז כל ארבעים שנה האט ער געהאט א דין פון א כהן, ב) עס איז מוכח אז די איסורים וואס זיינען געזאגט געווארן אין פר' אמור, זיינען אויך געווען נאך פריער, פון דעם וואס עס שטייט אין ספרא אין פר' ויהי ביום השמיני, אויפן פסוק ויקרא משה אל מישאל ואל אלצפן וגו' שאו את אחיכם - אז זיי זאלן צונעמען נדב ואביהוא, מכאן אמרו אין (כהנים) מטמאים למתים וכו', איז דאך א סימן אז דער איסור טומאה בא כהנים איז געווען נאך פריער איידער מען האט געזאגט פ' אמור, והיות אז דער איסור טומאה אין פ' אמור קומט צוזאמען מיט'ן איסור פון זונה וחללה, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אויך די איסורים זיינען געווען פריער.

נאר דער תירוץ וואס מען קען זאגן בדרך אפשר, (וואס דאס איז פארבונדן מיט א גמרא אין שבת, - און דא זעט מען ווי גאנץ ש"ס איז צוזאמענגעבונדן) איז: די גמרא זאגט אין שבת (פז,א), אז ג' דברים עשה משה מדעתו והסכים הקב"ה עמו, און איין ענין פון די איז געווען וואס פירש מן האשה, און דאס איז געווען בא

הנחת הת' בלתי מוגה

בא מ"ת. עפ"י קומט אויס אז בשעה משה איז געווארן א כהן, פאר די שבעת שמונת ימי המילואים, אדער פאר די ארבעים שנה, און האט געטאן עבודה במשכן, וואס דאס איז געווען כמה זמן לאחר מ"ת, איז שוין דעמאלט געווען פירש מן האשה, במילא איז ניטא די קשיא בת יתרו מי התירה לך; דעמאלט האט די קשיא ניט געהאט קיין שייכות.

דערמיט ווערט אויך פארענטפערט ווי קומט דאס אז זמרי האט דאס געפרעגט, ווארום זמרי האט ניט געוואוסט אז פירש מן האשה, ווי רש"י (בהעלותך יב,א) ברענגט פון ספרי, אז פון וואנעט האט מען זיך דערוויסט אז פירש מן האשה, און עס איז געווען והדבר מרים ואהרן במשה, דערפאר וואס עס איז געווען די מעשה מיט אלדד ומידד, און צפורה האט געזאגט אז עס איז א רחמנות על נשותיהם של אלו, האט מרים זיך ערשט דעמאלט דערוואוסט פון דעם, - ווארום ומשה הי' עניו מכל האדם אשר על פני האדמה, האט ער דאס ניט מגלה געווען - ווי מען טייטשט דאס אפ אין ספרי,

במילא האט זמרי בן סלוא געפרעגט די קשיא ווייל ער האט ניט געוואוסט פון דעם ענין אז משה פירש וכו', און משה רבינו האט אים ניט געוואלט ענטפערן אז פירש וכו', דערפאר וואס משה הי' עניו מכל האדם אשר על פני האדמה, האט ער ניט געוואלט דערציילן וועגן די פרישות, במילא האט זמרי געפרעגט די קשיא, און אידן האבן ניט געוואוסט וואס אים צו ענטפערן; דערפאר וואס א חוץ אהרן און משה און צפורה, האט קיינער דערפון ניט געוואוסט, ווארום עס איז ניט שייכות זאגן אז אהרן און מרים זיינען געגאנגען דערציילן וועגן דעם נאך דערויף וואס דער אויבערשטער האט זיי אויסגערעדט היהבן וואס זיי רעדן במשה עבדי.

דער תירוץ איז טאקע א תירוץ, אבער לכאורה ניט לדעת רש"י, ווארום רש"י (בהעלותך שם,ח) ברענגט אראפ, אז דאס איז ניט וואס משה קשה מעצמו, נאר דער אויבערשטער האט דאס געהייסן משה'ן, ווי רש"י זאגט אז דער אויבערשטער האט דערציילט אהרן ומרים, אז אמרתי לו לפרוש מן האשה והיכן אמרתי לו בסיני לך אמור להם שובו לכם לאהליכם ואתה פה עמוד עמדי, במילא איז דאך די פרישות ניט געווען מצד משה אליין, נאר דאס איז א ענין וואס דער אויבערשטער האט אים מצוה געווען, איז לפירוש רש"י ווערט צוריק די קשיא פארוואס האט מען דאס זמרי בן סלוא ניט געענטפערט, אז דער אויבערשטער האט אים אנגעזאגט ואתה פה עמוד עמדי?

די קשיא ווערט נאך גרעסער: וויבאלד אז די קשיא איז מי התירה לך, דעמאלט איז פירש מן האשה אליין ניט מספיק; דעמאלט דארף זיין גירושין, אבער עס איז ניט מספיק בלויז פירש, ווי ער זאגט אין ספרי (לפי' הא') אז מרים האט געזען צפורה שאינה מתקשטת בתכשיטי נשים אמרה לה מה לך שאין את מתקשטת בתכשיטי נשים אמרה לה אין אחיך מקפיד וכו', הייסט עס אז קיינער האט ניט געוואוסט אז עס איז געווארן א שינוי, (וגם לפי' הב' האט קיינער ניט געוואוסט וועגן דעם?), ביז די מעשה פון אלדד ומידד, ווערט דאך די שאלה, אז דאס איז עפ"י דין ניט מספיק, וויבאלד אז דאס איז א ענין וואס מי התירה לך?

באווארנט דאס אבער רש"י מיט איין ווארט; בשעת רש"י ברענגט דעם ענין אז פירש וכו' (ואתה פה עמוד עמדי), זאגט ניט רש"י

הנחת הת' בלתי מוגה

רש"י דעם לשון אז פירש מן האשה, נאר ער זאגט אז "ועהה גרשה", אז עס איז טאקע געווען א ענין של גירושין.

דערמיט ווערן פארענטפערט אלע ענינים; עס ווערט פארענטפערט מי התירה לך, ווארום עס איז געווען א ענין של גירושין, במילא איז ניטא די קשיא; זמרי בן סלוא האט דערפון ניט געוואוסט, דערפאר וואס מען האט דאס ניט מפרסם געווען מאיזה טעם שיהי', ווי עס איז מוכרח, והראי' אז אפילו אהרן ומרים האבן ניט געוואוסט דערפון, כאטש דאס איז געווען א ברודער מיט א שוועסטער, עאכו"כ זמרי בן סלוא; נוסף לזה קען זיין אז מען האט אים יע געענטפערט, און די גמרא ברייננגט דאס ניט אראפ, ווארום דער פירוש הפשוט אין גמרא איז אז פירש על דעה עצמו, און בלויז פירש, משא"כ רש"י טייטשט אז דאס איז געווען עפ"י ציווי הקב"ה, און דאס איז געווען אין א אופן של גירושין.

וואס דא זעט מען ווי אזוי כל הענינים זיינען קשורים יהד, סיי אין פירוש רש"י, וואס אזל לשיטתו בכמה מקומות, און ווי אזוי דאס איז אויך פארבונדן ביז אין א ענין פון פוסקים און אחרונים. ווי גערעדט פריער אז מען לערנט אפ דעם ענין פון גיורת, אז דאס איז א ענין מן התורה, און דאס איז אסור אעפ"י שלא נבעלה, און אעפ"י וואס זיי זיינען גדורים, און זיי זיינען צנועות וכו' וכו', אעפ"כ איז די קשיא א קשיא קיימת, דערפאר וואס דאס איז אויסגעהאלטן לויט'ן פסק דין פון דעם רמב"ם אז דאס איז א איסור מן התורה, און א איסור אפילו בא א פתוחה מבת ג' שנים ויום א'.

און בשעת דער ענין האט זיך דורכגעפירט, האט דאס דערנאך געבראכט צו בקנאו את קנאתי, וויבאלד אז משה האט דאס ניט געוואלט מגלה זיין, אעפ"י אז דאס איז געווען עפ"י ציווי הקב"ה, דער אויבערשטער האט דאך דאס אבער אנגעזאגט בלויז משה'ן אליין, וואס דאס באווייזט דאך אויף ענין סלו, דערפאר האט ער דאס אויך ניט געוואלט מגלה זיין,

במילא האט ער שוין אויך ניט געקענט מגלה זיין אז גירש את האשה, ווארום עס דאך קשה גירושין, ביז אז אפילו מזבח מוריד עליו דמעות, האט ער דאס ניט געוואלט מ. ם זיין, במילא איז געבליבן אז בלויז אהרן און מרים ומשה האבן דערפון געוואוסט, האט זמרי בן סלוא געקענט פרעגן א קשיא קיימת, און כל בני ישראל זיינען געבליבן געו בבכי, מען האט ניט געוואוסט מיט וואס מען קען דאס ענטפערן, און דערנאך איזארויסגעקומען דערפון דער בקנאו את קנאתי בתוכם, דער ענין פון זכותו של פנחס.

דא געפינט מען אויך אט דאס וואס איז פארבונדן בפרט מיט די פרשה פון י"ג תמוז, וואס דארטן שטייט בריה כהונת עולם וגו' ויכפר על בנ"י, זאגט ער אויף דערויף אין ספרי א גוואלדיקן ענין, אז זכותו של פנחס איז עומד ומכפר על כל בני ישראל עד שיחיו המתים, ד.ה. אז דאס איז ניט א ענין וואס איז געווען בלויז בשעת מעשה, און מען האט דאס מכפר געווען; נאר מען דארף אנקומען צו דער כפרה עד שיחיו המתים.

עפ"י פשוט איז דאס פארבונדן מיט דאס וואס ער זאגט אין יהושע (כב,יז) אשר לא הטהרנו ממנו עד היום הזה פון דעם עון בעל פעור, און ווי דער ראגאטשאווער קאכט זיך אין דעם, אז דאס איז א ראי'

הנחה הת' בלתי מוגה

ראי׳ אז כפרה פנחס איז א פעולה נמשכת, אז עס איז ניט נאר געווען דעמאלט נאר דאס איז נמשך עד שיחיו המתים;

כארוואס איז דאס - דערפאר וואס דער עון איז אויך א עון נמשך, וואריום הבועל ארמית, איז דאס דאך עמו קשורה ככלב (סוטה ג,ב) און איז דאס בעולם הזה, און אויך אז ער קומט אין עולם הבא איז זי דארט אויך נאך קשור מיט אים, ובמילא וויבאלד אז דער חטא איז א עון נמשך, דארף מען אויך האבן די כפרה עד שיחיו המתים, וואס דעמאלט וועט זיין דער יום דין הגדול, וואס אט דעמאלט וועט מען דאס מכפר זיין, עס וועט אינגאנצן אפגעווישט ווערן.

וואס באמת איז דאס א פלא פארוואס דער רג"ח טשאוועער ברייגנגט ניט א בפירוש׳ן תוס׳ אין סוטה (יד,א ד"ה מפני). וואס די גמרא זאגט דארטן אז משה איז קבור כנגד בעל פעור כדי ער זאל מכפר זיין אויף בעל פעור, טייטשט אפ תוס׳ אז עס איז ניט דער פשט אז עס איז מערניט ווי דעמאלט, נאר בכל שנה ושנה בשעת עס קומט דער טאג וואס הטאו ישראל בבעל פעור, איז פעור עולה למעלה ומקטרג,

- וואס דרך אגב האט מען דא נאך א ענין, וואס מען זעט דאך א ראי׳ אז עס איז הימים האלו נזכרים ונעשים, אז כשהם נזכרים איז הם נעשים, אעפ"י וואס עס איז דורכגעגאנגען כמה שנים, וואס מ׳ברייגנגט אויף דערויף פון כתבי האריז"ל און א רמז פון א משנה אין גיטין (לא,א), זעט מען אבער דא אז תוס׳ ברייגנגט דאס פון א מדרש, אז בכל שנה ושנה אז עס קומט דער טאג, איז עולה בעל פעור ומקטרג -

און דעמאלט איז עולה משה מקברו אים משקיע זיין צוריק אין קרקע, און איז מבטל אט דעם קטרוג,

וואס דערפון זעט מען, אז דאס איז א עון נמשך, ומתחדש הקטרוג בכל שנה ושנה, יכל שנה ושנה דארף מען האבן דעם זכות אין די כפרה על זה,

ובדוגמא ווי עס איז געווען דעם ערשטן מאל, אז די התחלה איז געווען דורך משה׳ן וואס ער האט געדארפט זאגן פנחס׳ן קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא, און דערנאך האט זיך דער ענין בפועל אפגעטאן דורך פנחס׳ן, אזוי איז אויך בכל שנה ושנה, אז משה איז אים משקיע בקרקע עד חוטמו נאכאמאל, און דערנאך דארף זיך אנטאן די כפרה ע"י פנחס עד שיחיו המתים, וואס דעמאלט וועט דאך זיין דער ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, וועט דעמאלט זיין דער יחיו המתים, עס וועט בטל ווערן דער כל ענין המיתה, וואס דאס איז מ"ש ומחה הוי׳ דמעה מעל כל פנים, כידוע דער אריכות בזה, און אויך דער ענין רוח הטומאה, וואס דאס איז דער מקור המיתה.

וואס דעמאלט וועט דאך זיין דער מחי׳ חיים יתן לך חיים, די המשכות פון מקור החיים אין א נשמה בגוף דא למטה, וואס מעין זה איז דא [illegible] ע"י לימוד התורה, כידוע דע[illegible] [illegible] איבערדערציילט כמה פעמים, אויף זוטרא דבכו מחי׳ מתים, אז דורך לימוד התו[illegible] האט יעדער

<u>הנחה הה׳ בלתי מוגה</u>

יעדער איד בכח צו מחי' זיין דעם סכל הקר, וואס דערפאר ווערט דאס אנגערופן בשם מחי' מהים;

עס איז דאך אבער אין ענין יוצא מידי פשוטו, דער ענין פון מחי' מהים, בפרט ווי גערעדט שבה אין פארברייגען פון י"ב תמוז, אז נתכוכו פניו של משה טומאתו כל זה במה תהי' טהרתו, ווארום עס רעדט זיך וועגן טומאת מת, און מען האט אים געזאגט אז עס איז דא דער ענין פון פרה אדומה;

וואס דאס איז דאך אויך אין כללות ענין הגלות, וואס גלות איז דאך ווי די גמרא זאגט אין מכות (ב,ב' [illegible]ן הוס' (יא,ב ד"ה מידי) ברייגנגט דאס דארט אראפ, אז גלות איז א כפרה, ביז אז דאס איז בדוגמת עונש מיתה, ווי דער ספר החינוך (מצוה ת"י) איז דאך מאריך בזה, זאגט מען אויף דעם, אז מ'זאגט אויף משה'ן ויקחו אליך פרה אדומה תמימה אשר לא עלה עלי' עול, און ער טייטשט דאס אפ אין מדרש, אז דאס גייט אויף די ד' גלויות, אז פרה זו מצרים ווארום עגלה יפהפי' מצרים, און אדומה זו בבל, וואס דאס איז רישא דדהבא, און תמימה זו מדי וואס עס איז געווען זיי האבן געבויט דעם בית המקדש, אשר לא עלה עלי' עול זו מלכות אדום; און אויף דערוף זאגט מען ויקחו אליך, אז דאס נעמט מען און מען ברייגנגט דאס צו דעם גואל ראשון; וואס ער איז דער גואל אחרון; כמדובר לעיל, פון כל [illegible]גלות,

וואס דאס איז דאך תלוי במעשינו ובעבודתינו בכל משך זמן הגלות, ע"ד ווי עס איז געווען בא משה רבינו, האט מען צו אים געבראכט כל הגלויות, און איידער ווי עס איז פארברענט געווארן, איז דאס שוין געווען אין משה רבינו'ס רשות, כפי' הפסוט, אז איידער מען האט פארברענט די פרה, האט געדארפט פריער זיין דער יקחו אליך; אז נקראת על שמו, און דערנאך פארברענט ער דעם גלות,

עד"ז איז דורך דעם ניבוק פון משה וואס איז דא בכל אחד ואחד, וואס דערפאר איז דאס מילתא זוטרתא היא, קען יעדער איינער פארברענען דעם גלות וואס אין זיך, און דורך דערוף מקרב זיין די שר[illegible]פה [illegible]וה הכללית,

ובפשטות איז דאס (ווי גערעדט פריער), אויף ניט פארגעסן אויפן עיקר, אויף מוסיף זיין אין לימוד התורה, נגלה ופנימיות און אין הידור בקיום המצות, וואס דורך דערוף איז מען מבטל די סיבה - דעם ומפני חטאינו, ווערט בדרך ממילא בטל דער מסובב - דער גלינו מארצנו ונתרחקנו מעל אדמתינו, און עס ווערט אראפגעבראכט למטה מעשרה טפחים דער בית המקדש השלישי, און די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, יבוא וי[illegible]כנו קוממיות לארצנו בעגלא דידן.

י. מען איז דאך אויך נוהג אין ימי י"ב-י"ג תמוז מאכן א מגבית אויף די מוסדות וואס ווערן אנגערופן ע"ש פון בעל השמחה והגאולה - אהלי יוסף יצחק ליובאוויטש, וואס יעדערער וועט זיכער געבן בנדבת לבו הטהור, אן מדידות והגבלות, און די וואס ווילן, וועלן אויך צושרייבן סמד ב[illegible]ף עם אמם, כדי להזכירם אויפן ציון פון בעל השמחה והגאולה, בכל המצטרך להם, ביז אין א ברית עולם, וואס פנחס זה אליהו, וואס ער איז דאך דער מבשר טוב

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

# משיחת פרשת מטו״מ תשכ״ט

וואס דאס איז בכללות דער אויפטו פון לע"ל, ווען ס'וועט זיין דער אודך ה' כי אנפת בי, אז ניט מען פארגעסט אויף דעם, און ניט אז מען איז דאס מבטל, נאר אין די זעלבע צייט (וואס אנפת איז דא דער אודך ה'. וואס בכללות וועט דער ענין זיין לע"ל; אבער ס'איז איצטער אויך דא ־ ־'בא יחידי סגולה, בא נשיאי ישראל, - דער ענין פון אתהפכא.

איז כאן המקום להמשיך דאס וואס מ'האט גערעדט אין דעם התוועדות פון י"ב-י"ג תמוז,

מ'האט גערעדט - בפ' בלק ופנחס - די מעשה אין דעם ענין וואס איז פארבונדן מיט משה ופנחס, וואס ווערט דערציילט בסיום פרשת בלק, און אויך בתחילת פ' פנחס - בקנאו את קנאתי.

וואס דאס האט אויך א שייכות צו י"ב תמוז, וואס יעמולט איז אויך געווען בקנאו את קנאתי; וכידוע אז דאן זיינען דאך געווען אזעלכע וואס האבן גע'טענה'ט אז דאס איז דאך פארבונדן מיט סכנת נפשות, און מיט מסירת נפש בפועל - על כל צעד ושעל, און אז דאס איז ניט פון די דריי ענינים אויף וועלכע מ'דארף זיך מוסר נפש זיין, איז וויבאלד אז עפ"י שו"ע דארף מען זיך ניט מוסר נפש זיין אויף דעם, איז דאס במילא דעם אויבערשטנ'ס א זאך, ס'איז קנאתי; (און מען דארף ניט טאן אין דעם);

איז בא דעם בעל השמחה והגאולה געווען בקנאו את קנאתי - דעם אויבערשטנ'ס קנאה, אז דאס וואס איז געווען דעם אויבערשטנ'ס א זאך, האט ער געטאן. - וואס דאס איז דער שייכות פון י"ב תמוז, (און דעם בעל השמחה והגאולה) מיט פנחס.

- ס'איז אבער מיט א חילוק: בא פנחס - איז געווען משה דער נשיא הדור; און דער קנאו את קנאתי איז געווען דורך פנחס (וואס זיי זיינען צוויי באזונדערע), משא"כ בא כ"ק מו"ח אדמו"ר, דער בעל השמחה והגאולה, זיינען דיביידע ענינים געווען צוזאמען, אז דער קנאו את קנאתי איז געווען דורך'ן נשיא אליין, (ובאמת - אויך בא פנחס - איז דעם נהינה כח אויף דעם קנאו את קנאתי האט ער גענומען פון משה (דער נשיא הדור), וואס ער האט אים געזאגט: קריינא דאיגרתא איהו ליהוי פרוונקא).

ועוד חילוק: בא פנחס איז דאס געווען באופן של גבורה, און דאס איז וואס פנחס - זה אליהו - האט געזאגט אני נותרתי (גו') לבדי (מ"א יח,כב) אז ער האט ניט געזען קיין זכות. און דעריבער דארף (פנחס זה) אליהו זיין בא יעדער ברית-מילה, בכדי ער זאל מלמד זכות זיין אויף כל אחד ואחת מישראל, אז אידן זיינען מקריב א קרבן, און דער קרבן איז ניט פון א בהמה נאר פון א אייגענעם קינד, (וואס אין דעם זיינען ניכא די חילוקים פון שוד כבש און עז), און ווען איז מען מקריב דעם קרבן, אויפ'ן אכט'ן טאג - עדסט ארויס פון (היקף) שבעה ימים; וואס ענין המילה איז בדוגמת ענין הקרבן, און ס'איז א ברית עולם, ע"ד ווי בא פנחס איז געווען "כהונת עולם".

משא"כ בא כ"ק מו"ח אדמו"ר איז געווען אין אן אופן פון חסדים; - און הגם אז פון די רשימה האט ער דאס ארויסגענומען, אבער ער האט דערציילט כמה פעמים, אז בנוגע די נשיאות האט ער אויסגענומען (א תנאי) מיט זיין פאטער, דער רנ"ע, אז ס'זאל זיין בחסד

בחסד וברחמים, - דער טוב עין הוא יבורך. [וואס דאס איז דער שייכות פון פנחס און י"ב המוז].

מ׳האט גערעדט וועגן דעם וואס זמרי בן סלוא איז געקומען מיט די שאלה (וטענה) מדינית זו אסורה או מותרת, און אויב אסורה - איז בת יתרו מי התירה לך; און ס׳געווען נהעלמה הלכה. וואס ס׳זיינען דאך פאראן אזעלכע וואס זאגן אז נהעלמה די הלכה - וחילוק פון קודם מ"ת ואחרי מ"ת.

וואס וויבאלד זמרי בן סלוא איז דאך געווען א נשיא בית אב לשמעוני, און ער איז געקומען מיט די שאלה צו משה, אהרן, פנחס, סנהדרין און אלע גדולי ישראל, איז דאך מובן אז ער האט ניט געפרעגט אזא שאלה אויף וועלכע דער ענטפער איז אז ס׳פאראן א חילוק פון קודם מ"ת ולאחר מ"ת,

ווארום אפילו א בר-בי-רב-דחד-יומא ווייס דאך אז דאס איז א חילוק עיקרי.

און דערפאר האט מען מבאר געווען אז דא העלפט ניט גרות, ווארום די שאלה זיינע איז געווען: מי התירה לך - צו משה׳ן דוקא; ווארום משה איז געווען א כהן, און זי איז געווען א גיורת, וואס א גיורת איז אסורה לכהן.

און מ׳האט געבראכט דעם רמב"ם, וואס ער זאגט אז ס׳איז מדאורייתא, און אפילו פחותה מבת ג׳ שנים וכו׳.

- און מצד דעם האט געדארפט זיין "פירש משה" (אדער ווי רש"י ברענגט - גירשה) - ווייל גיורת איז אסורה לכהן. נאר אזוי ווי דער ענין אז משה פירש איז ניט געווען באוואוסט, דערפאר האט מען עס ניט געקענט ענטפערן צו זמרי׳ן, כמשנ"ת בארוכה.

ס׳איז אבער ניט מובן:

רש"י זאגט אז משה פירש מצד דעם ציווי: ואתה פה עמוד עמדי; ולכאורה איז לולא זאת דארף ער אויך פורש זיין, ווייל ער איז דאך א כהן?

נאר דער ביאור אויף דעם איז מיט די גמרא אין יבמות (סא,א), וואס די גמ׳ זאגט דארטן, אז אויב א כהן הדיוט האט מארס געווען אן אלמנה, און דערנאך האט מען אים ממנה געווען לכהן-גדול, מעג ער איר האלטן (אעפ"י וואס בכלל איז אלמנה אסורה לכה"ג), און ווי מ׳לערנט דאס אפ פון דעם פסוק "יקח אשה", אז ער מעג ענדיקן די לקיחה אין איר - (נשואין); ווארום וויבאלד אירוסין איז אן ענין פון לקיחה מן התורה, ובמילא איז דאך יעצט ניטא קיין "יקח אשה", [פרט לשומרה יבם - ווי די גמרא זאגט דארטן].

עפ"ז קומט אויס, אז וויבאלד משה האט חתונה געהאט מיט איר פאר דעם וואס ער איז געווארן א כהן, האט ער איר במילא געמעגט האלטן אויך לאח"ז, מצד דעם לימוד פון "יקח אשה" (הנ"ל);

און אין דעם איז באשטאנען דער מחלוקת פון זמרי בן סלוא, - אז ער האט ניט געהאלטן פון דעם לימוד, (פון "יקח אשה").

ס׳בלייבט אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק: ווארום פון לשון הגמ׳ איז משמע אז די הלכה וועלכע איז נהעלם געווארן איז געווען די הלכה פון: בועל ארמית קנאים פוגעים בו;

אויך

הנחת הת׳ בלהי מוגה

אויך דארף מען פארשטיין: דער אופן הנשואין קודם מ"ת איז געווען, ווי דער רמב"ם זאגט (הל' אישות פ"א, ה"א) קודם מ"ת הי' אדם פוגע אשה בשוק כו', ובועלה; וואס מה"ת איז דאס ניט קיין לקיחה, ווארום ענין הלקיחה איז אויפגעטאן געווארן לאחר מ"ת; קומט דאך אויס אז לאחר מ"ת האבן די אידן געדארפט מאכן א לקיחה פון דאס ניי — ובמילא האט משה אויך געדארפט מאכן א נייע לקיחה; און וויבאלד ער איז שוין געווען א כהן - ווי האט ער דאס געמעגט?

אויך דארף מען פארשטיין, דאס וואס דער אויבערשטער האט געזאגט אידן - לאחרי מ"ת - : לכו לכם לאהליכם; - ס'האט דאך געדארפט זיין בא זיי לקיחה פון דאס ניי, איז ווי זאגט ער זיי "לאהליכם".

און ווי דער דגול מרבבה - אויף יו"ד - זאגט, אז אויב א איש ואשה זיינען זיך מגייר, דארף בא זיי זיין קדושין (לקיחה) נאכאמאל, - און ער זאגט דאס בפשיטות -.

[והגם אז פריער איז געווען די לקיחה -- קדושין (לב"נ) בכשרות, ביז אז אן אנדער ב"נ איז נהרג אויף דעם — כמ"ש ודבק באשתו, ולא באשת חבירו, (נאר מ'דארף ניט קיין גירושין בא זיי)].

מהנ"ל, קומט צוריק די קשיא בנוגע משה — בת יתרו, מי התירה לך.

איז דער ביאור אין דעם: מיט א רמב"ם אין הל' מלכים (פ"ט ה"א): אז ששה דברים נצטוה אדם הראשון כו', און דערנאך איז הוסיף לנח נאך איין מצוה; און כך הי' הדבר בכל העולם, עד אברהם, בא אברהם ונצטוה יתר על אלו, במילה.

און דער רמב"ם זאגט: והוא התפלל שחרית, ויצחק הפריש מעשר והוסיף תפלה אחרת, ויעקב וכו', און דאן זאגט ער: ובמצרים נצטוה עמרם במצות יתירות, עד שבא משה ונשלמה תורה על-ידו.

וואס בא עמרם זאגט ער דעם לשון נצטוה, אזוי ווי בא אברהם בנוגע מילה. [און ניט ווי בא די אנדערע - און אויך בא אברהם בנוגע תפילה - מעשרות וכו' - וואס דאס איז בלויז א גדר וואס זיי האבן גענומען מעצמם אויף זיך - ולא שנצטוו].

זיינען מפרשים מסביר: אז דאס איז וואס די גמרא זאגט אין סוטה (יב,א) אויף'ן פסוק וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי, אז ויחזור מיבעי לי', און מ'ענטפערט אז עשה לה מעשה לקוחין, הושיבה באפריון וכו' - און ווי רש"י איז דאס מפרש אויף'ן פסוק (שמות ב,א) -.

פון דעם האט מען ארויס, אז ס'שוין יעמולט געווען א ציווי אויף לקיחה - קדושין, און ס'איז ניט געווען ווי בא א ב"נ; און דאס איז געווען ניט נאר ביי עמרם אליין נאר אויך ביי אלע אידן, ווי די גמרא זאגט בנוגע אלע אידן, אז עמדו כולם והחזירו את נשותיהן, און ס'איז מובן אז זיי האבן געמאכט דעם זעלבן אופן לקיחה ווי ער,

ובמילא איז מובן וואס דער אויבערשטער האט זיי געזאגט: לכו לכם לאהליכם; וויבאלד בא זיי איז שוין געווען א לקיחה עפ"י תורה. און אזוי אויך האט משה [אויב ניט פאר דעם ציווי ואתה פה עמוד עמדי] געמעגט האלטן בת יתרו.

איי

איי. פארוואס האט מען דאס ניט געענטפערט זמרי׳ן; איז קען זיין אז מ׳האט אים טאקע געענטפערט, נאר ער האט דאס ניט אנגענומען; [און דערפאר ברייננט דאס ניט די גמ׳]. אדער ס׳קען זיין אז משה האט ניט געענטפערט ע"ד ווי בא קורח; וואס ער האט געקריגט אויף כהונת אהרן, און געפרעגט די סאלה: בית מלא ספרים חייב במזוזה צו ניט; און טלית שכולה תכלת, צי ס׳איז חייב בציצית, – וואס דא געפינט מען אויך ניט אז משה האט אים געענטפערט.

און דאס איז פארבונדן מיט די הלכה, אז בשעת א ת"ח איז א נוגע בדבר איז ער דאן ניט באגלויבט צו זאגן – מקובלני, (סיידן ס׳איז דא אימיצער וואס זאגט אז ער האט דאס פון אים געהערט קודם המעשה),

וכמו"כ איז אויך בא משה, וואס ער האט אים ניט געענטפערט ווייל ער איז געווען א נוגע (אהרן), און די איינציקע הוכחה איז געווען, אז – אם בריאה יברא ה׳,

און עד"ז אויך ביי זמרי, האט משה ניט געענטפערט, (און ס׳געווען בקנאו את קנאתי).

דערנאך איז געווען א שאלד: אז וויבאלד (ווי רש"י זאגט) ס׳איז געווען – גירשה, און מעשה זמרי איז געווען מיט (קארגע) פערציג יאר שפעטער, איז ווי קומט דאס אז במשך פערציג יאר זאל מען ניט וויסן אז משה גירשה; ולכאורה איז דאס א שטארקע קשיא.

דער וואס האט געפרעגט האט אבער פארקוקט אויף איין זאך!

אבער בשעת מ׳קוקט זעט מען אז צפורה איז ניטא. איז דאס דאך א הוכחה אז זי איז געשטארבן. און אפילו דאס וואלט געווען מיט צען יאר פריער, וואלט מען אויך ניט געדיינקט צי גירשה צי ניט, וכש"כ שיש לומר אז די מעשה מיט מרים איז געווען בפרשת בהעלותך, מיט אכט-און-דרייסיג יאר פריער, איז מען ניט געווען מחוייב געדיינקען צו גירשה אדער ניט,

ובפרט, ווי מ׳האט געלערנט פריער אז ס׳געווען אהל רחל און אהל לאה, און אויך אהל יעקב, ואעפ"י אז רוב זמן איז ער געווען באהל רחל (לאה), מ"מ האט ער דאך אויך געהאט אן אהל, וכמו"כ בנדו"ד, ובמילא האט מען ניט געקענט וויסן צו גירשה וכו׳. – ועוד יש להאריך בזה, אבער ס׳איז דאך נגלה, און היינט איז דאך שבת, וואס איין מנהג חסידים בזה.

די הוראה דערפון איז:

ניט אלעמאל דארף מען יענעם ענטפערן אויף זיין שאלה, ווארום אמאל קען זיין אז ער וויל מ׳זאל אים מתיר זיין א מדינית!

און ווי ס׳איז דא די צוויי פסוקים, (משלי כו,ד-ה) אל תען כסיל באולתו, און ענה כסיל כאולתו, (דלכאו׳ סותרים הם) און ווי די גמ׳ (שבת ל,א) ברייננט דעם חילוק אין דעם צו ס׳איז מילי דשמיא אדער מילי דעלמא – און ווי ס׳ברייננט זיך, פון רבי, אז ס׳שייך אז ס׳זאלן זיין ביידע הנהגות, אין מילי דשמיא און מילי דעלמא.

און דאס איז געווען די הנהגה פון רבותינו נשיאנו, אז. אמאל פלעגן זיי זיך ארייגלאזן אין שקו"ט, און אמאל ניט, וכידוע

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וכידוע דער סיפור מיט כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז איינער האט גע'טענה'ט: ווי קען ער טאן דעם און דעם ענין, בשעת ער האט די קשיא און די קשיא וכו', האט אים כ"ק מו"ח אדמו"ר גענטפערט: ער זאל פריער טאן, און דאס וועט עם געבן דעם כח ער זאל קענען פארשטיין.

וואס בכללות איז דאס דער ענין פון נעשה ונשמע; אז דורך דעם וואס פריער איז - נעשה, איז דערנאך דער ונשמע א טיפערער.

וואס דאס איז אזוי בנוגע א זולת; און אזוי איז דאס אויך בנוגע עבודת עצמו, אז בשעת ס'קומט דער מלך זקן וכסיל, מיט טענות, און ער פרעגט שאלות וכו', איז פריער דארף מען טאן - מקיים זיין מצות - מצות שהזמן גרמא - דער משכהו לביהמ"ד וכו', און דורך תומ"צ וועט מען עם אפשוואכן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל ניט דארפן אנקומען צו די אלע עצות - אז ס'זאל זיין דער רוח הטומאה אעביר מן הארץ, וואס דאס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה - וואס די הכנה אויף דעם איז די גאולה פון א נשמה כללית, און דורך דעם קומט מען צו להגאולה פון כלל ישראל.

ג. מאמר - כעין שיחה - עה"פ ומקנה רב.

ד. בהמשך להמדובר (בהמאמר) אז מקנה רב הי' לבני גד ובני ראובן, ובמילא האבן זיי געוואלט ארץ סיחון ועוג, און דעריבער האבן זיי געזאגט "ואנחנו נחלץ חשים לפני בנ"י גו'"; וועט מען מבאר זיין די רש"י אויף דעם.

אינעם פסוק ואנחנו נחלץ חשים (לב,יז), שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "לפני בני ישראל", און ער זאגט: [אז זיי זיינען געגאנגען] "בראשי גייסות, [און ווי אזוי האבן זיי זיך געקענט ..שלאגן אויף גיין בראשי גייסות, זאגט רש"י] מתוך שגבורים היו, שכן נאמר בגד וטרף זרוע אף קדקד".

[און דערנאך איז רש"י ממשיך, אז דאס איז אלץ וואס זיי האבן געזאגט, פון וואנעט איז די ראי' אז משה האט דאס אנגענומען; אויף דעם זאגט ער:] "ואף משה חזר ופירש להם באלה הדברים ואצו אתכם בעת ההיא וגו', חלוצים העברו לפני אחיכם בני ישראל כל בני חיל".

[און רש"י איז ממשיך ווייטער, אז לפועל איז אויך געווען אזוי, ווארום:] "וביריחו כתיב והחלוץ עובר לפניהם, זה ראובן וגד שקיימו הנאם".

זיינען דא פאראן כמה דיוקים, נוסף אויף דעם וואס מ'האט שוין אמאל גערעדט, די שינויים פון מסות צו דברים; אז דא שטייט "ובראשי גייסות" און דארטן אין דברים שטייט "לפני ישראל"; און פארוואס דא בא אונז זאגט ער "מתוך שגבורים היו" און אין דברים זאגט ער "לפי שהיו גבורים"; ועוד כמה דיוקים - און ווי ס'האט זיך איצטער אויך אפגעדרוקט אין די לקוטי שיחות פון שבוע הבאה.

דא

הנחת הת' בלתי מוגה